**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 6/30/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

**דורכאויס גאן געוואלדטאטן באקאנטשאפט מאנאט, גאווערנער הקאול שרייבט אין געזעץ ניו יארק סטעיט אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג**

***סטעיט אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג איעצט אריין אין געזעץ ווען טראמפ אדמיניסטראציע פארמאכט ווייסע הויז אפיס און שניידט פינאנצירונג צו פארמינערן גאן געוואלדטאטן***

***אפיס וועט פארברייטערן קאארדינאציע צווישען סטעיט און לאקאלע אגענטורן, פירן זיכערע סטארעדש קאמפיין און אנהאלטן פארשריט אין קאמף אקעגן גאן געוואלדטאטן***

***שיסערייען אין ניו יארק סיטי אראפ 21% יאר איבער יאר און שיסעריי פארבינדענע מארדן זענען די נידריגסטע אויפן רעקארד***

***שיסערייען איבערן סטעיט אראפ 17% און צאל אינדיווידואלן געשאסן אראפ 26% אין צוגלייך צו זעלבע צייט פאריאר***

***נאכהאלטיגע פארשריט פאלגט נאך גאווערנער'ס איינפירונג פון פאלק-פירענדע גאן זיכערהייט געזעצן, פארמאציע פון אינטערסטעיט גאן טעקס פארס און 547 מיליאן דאלאר אין גאן געוואלדטאט פארמיידונג איניציאטיוו***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט געמאלדן אנגייענדע פארשריט אין די קאמף אקעגן גאן געוואלדטאטן, מיט פרישע ארויסגעגעבענע דאטא וועלכע צייגט אז ניו יארק סטעיט'ס גרינטליכע פארמיידונג סטראטעגיעס ארבעטן. פון יאנואר ביז מאי 2025, שיסעריי אינצעדענטען וועלכע האבן אריינגענומען שעדיגונג האבן זיך פארמינערט מיט 17 פראצענט אין צוגלייך צו די זעלבע צייט אפשניט פאריאר, און די צאל אינדיווידואלן געשאסן איז געפאלן מיט 26 פראצענט איבער די הויפט מעטראפאליטען געגענטער אינדערויסן פון ניו יארק סיטי, אויך באקאנט אלץ די 21 שיסעריי פארבינדענע גאן געוואלדטאטן עלימינירונג (Gun Involved Violence Elimination, GIVE) איניציאטיוו 21 קאונטיס. אין ניו יארק סיטי, שיסעריי אינצעדענטען און די צאל אינדיווידואלן געשאסן זענען ביידע געפאלן מיט 21 פראצענט, און שיסעריי פארבינדענע מארדן זענען די נידריגסטע אויפן רעקארד. פריע דאטא פון איבערן סטעיט ווייזן נאך פארמינערונגען אין שיסעריי אינצידענטען דורכאויס די ערשטע דריי וואכן פון יוני 2025. די רעזולטאטן שפיגלען אפ די נאכהאלטיגע ווירקונג פון די סטעיט'ס דאטא געטריבענע, געמיינדע-באזירטע צוגאנג צו פובליק זיכערהייט.

"מיין העכסטע פריאריטעט איז פובליק זיכערהייט, און דא אין ניו יארק זענען אונז לעיזער געצילט אויף זיך פארלייגן אויף גאן געוואלדטאטן צו מאכן אונזערע גאסן און געמיינדעס מער זיכער," **גאווערנער Hochul (האקול) האט געזאגט.** "דורך אריין לייגן אין געזעץ די סטעיט'ס אפיס פון גאן געוואלדטאטן

פארמיידונג (Office of Gun Violence Prevention, OGVP), אונז פארמערן די ווירקונג פון אונזער באמיהונגען צו פארמינערן גאן פארברעכן אין ניו יארק און ארבעטן דירעקט מיט די געמיינדעס מערסט באטראפן דורך גאן געוואלדטאטן צו פונדאמענטאל טוישן די וועג אונז אדרעסירן און באקעמפן די פובליק געזונטהייט קריזיס איבער אונזער סטעיט."

צו די זעלבע צייט, גאווערנער Hochul (האקול) האט געמאלדן אז די ניו יארק סטעיט אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג (OGVP) איז יעצט פערמענאנט אריין געשריבן אין סטעיט געזעץ דורך די פיסקאלע יאר 26 אויסגעפירטע בודשעט. אריגענעל אויפגעשטעלט דורך עקזעקעטיוו באפעל אין 2021, די אפיס איז פלאצירט אינערהאלב די דיוויזיע פון קרימינאל גערעכטיגקייט סערוויסעס ( Division of Criminal Justice Services) און פירט די סטעיט'ס באמיהונגען צו קאארדינירן געוואלדטאטן פארמינערונג סטראטעגיעס אינערהאבל סטעיט און לאקאלע אגענטורן, אנאלאזירן דאטא און שטיצן געמיינדע ארגענעזאציעס וועלכע דינען אינדיווידואלן באטראפן דורך גאן געוואלדטעטן. ניו יארק סטעיט איז די ערשטע סטעיט צו אריינשרייבן אין געזעץ אן אפיס דעדיקירט צו גאן געוואלדטאטן פארמיידונג זייט די שליסונג דורך די Trump (טראמפ) אדמיניסטראציע פון די ווייסע הויז אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג.

די מיילשטיין קומט ווען פעדעראלע שטיצע פאר גאן געוואלדטאטן פארמיידונג באמיהונגען זענען געווארן צושטערט און צונומען. די שליסונג פון די ווייסע הויז אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג און לעצטיגע שניטן צו געמיינדע-באזירטע געוואלדטאטן אינטערמינונג גרענטס פון די פאראייניגטע שטאטן דיפארטמענט פון יוסטיץ האבן געלייגט נאך לאסט אויף לאקאלע ארגענעזאציעס. ניו יארק סטיעט'ס אנגייענדע אינוועסטירונג דורך OGVP העלפט פארזיכערן די קריטישע באמיהונגען בחייבן שטארק און עפעקטיוו.

זייט נעמען אפיס, גאווערנער Hochul (האקול) איז געווען פאקוסירט אויף אראפ ברענגן גאן געוואלדטאטן איבערן סטעיט, איינפירענדיג פאליסיס און פריאריטיזירן לעגיסלאציע וועלכע מאכט ניו יארקער און זייער געמיינדער מער זיכער. דעס נעמט אריין אינוועסטירן 347 מיליאן דאלאר אין גאן געוואלדטאטן פארמיידונג מאסנאמען, פארשטערקערן פאלק-פירענדע גאן זיכערהייט געזעצן, שטיצן געמיינדעס און געזעצן ענפארסירונג און אוועק האלטן גאנס פון די וועלכע קענען שעדיגען. פון יאנואר 2021 ביז מאי 2025, ניו יארק סטעיט פאליציי האבן צוגענומען 4,902 גאנס און פארזיכערט עקסטרעמע ריזיקע באשיצונג באפעלן צו איבער 4,500 אינדיווידואלן וועלכע זענען געטראפן געווארן צו זיין א דראאנג צו זיך אליין אדער אנדערע, אוועקנעמענדיג וועלכע שיסער זיי האבן פארמאגט און זיי צוריקהאלטן פון איינקויפן.

**ניו יארק סטעיט אטערני גענעראל Letitia James (לעטישע דשעימס) האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר אלע ניו יארקער צו שפירן זיכער אין זייער געגענטער, שולעס און אויף אונזער גאסן. די ניו יארק סטעיט אפיספ ון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג וועט אונז העלפן ווייטער טוהן די ארבעט אונז טוהן יעדער איינציגסטע טאס צו אראפ נעמען גאנס פון אונזערע קאסן, אפשטעלן גאן-פארינדענע פארברעכן און באשיצן ניו יארקער'ס פובליק זיכערהייט. איך קאמענדיר גאווערנער Hochul (האקול), סענאטאר Myrie (מייריי) און אסעמבלימעמבער Chandler-Waterman (טשענדלער-וואטערמען) פאר זייער באמיהונגען צו אריינשרייבן אין געזעץ די אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג און צו העלפן צו האלטן אלע ניו יארקער פארזיכערט."

**ניו יארק סטעיט אפטיילונג פון קרימינאלע גערעכטיגקייט סערוויסעס קאמישענער Rossana Rosado ראסאנא ראסאדא האט געזאגט,** "גאווערנער Hochul (האקול) האט געמאכן גאן געוואלדטאטן פארמיידונג א העסטע פריאריטעט, און די רעזולטאטן רעדן פאר זיך אליין. א דאנק איר אינוועסטירונגען, אונז זעהן באדייטענדע און מעסטבארער פארשריט. אבער אונז ווייסן די ארבעט איז

נישט פארטיג. דורך ארייננשרייבן אין געזעץ די אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג, גאווערנער Hochul (האקול) טוט פארזיכערן אז ניו יארק'ס סטראטעגיעס זענען נישט נאר נאכהאלטיג, נאר פארברייטערט און פארשטערקערט צו באשיצן געמיינדעס פאר יארן צו קומען."

**ניו יארק סטעיטאפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג דירעקטאר Calliana Thomas (קאלינא טאמעס) האט געזאגט,** "אונזער ארבעט איז באגרינדערט אין בויען געטרוי, צושטעלן רעסארסן און פארמיידן טראגעדיעס דורך א גרונטליע פובליק געזונטהייט צוגאנג וועלכע אדרעסירט די גרונט אורזאכן פון געוואלדטאטן. אונז זענען שטאלץ צו שטיין מיט לאקאלע מיטארבעטער, פון באפעלא ביז ניו יארק סיטי, וועלכע באווייזן זיך יעדן טאג פאר יונגע מענטשן, שטיצן איבערלעבער און העלפן שאפן מער זיכערע און געזונטע געמיינדעס. ווען פעדעראלע שטיצע ווערט אומפארזיכערט, ניו יארק שטעלט זיך ארויף, און אונז רופן אנדערע זיך מיטצושטעלן מיט אונז אין אנהאלטן די לעבנס-רעטענדע ארבעט."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון קרבן סערוויסעס Office of Victim Services דירעקטאר Bea Hanson (ביא האנסאן) האט געזאגט,** "געמיינדעס איבער ניו יארק סטעיט האבן יעצט רעקארד-נידריגע אינצידענטן פון גאן געוואלטאטן, אבער טייל געמיינדעס מאכן מיט מער גאן געוואלדטאטן ווי אנדערע. אונז אונז ווייסן אז אפילו איין קרבן איז איינס צו פול. אלע איבערלעבער, זייער פאמיליעס און געמיינדעס דארפן אנגייענדע שטיצע, פארמערטע צוטריט צו סערוויסעס און פארברייטערטע פראגראמען וועלכע פאקוסירן אויף סיי פארמיידונגע און אינטערמינונג. OVS איז שטאלץ צו שטיצן די ארבעט פון די אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג און בלייבט פארפליכטעט צו פארזיכערן אז אלע איבערלעבער האבן די רעסארסן זיי דארפן צו ערהוילן און בליען. מיר דאנקען גאווערנער Hochul (האקול) פארן פריארטיטיזירןפאבליק זיכערהייט און פאר איר אומבויגזאמע שטיצע צו ווייטער פארמינערןגאן געוואלדטאטן אין אלע אונזער קאמיוניטיס."

**סטעיט סענאטאר Zellnor Myrie (זעלנאר מיירי) האט געזאגט,** "אין א צייט ווען די Trump (טראמפ) אדמיניסטראציע נעמט אוועק באמיהונגען אפצושטעלן גאן געוואלדטאן איבערן לאנד, ניו יארק טוט ווייטער פירן די וועג. די אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג וועט קאארדינירן באמיהונגען צווישען לאקאליטעטן און געמיינדע גרופעס, צאמנעמען און מיטטיילן דאטא אויף בעסטע אויפירונגען, און העלפן ארגענעזאציעס אויף די פראנט ליניעס פון די קאמף איוסהאלטן די שטורעמעס וועלכע קומען פון וואשינגטאן. עס קומט זיך פאר אונזער געמיינדע א -גאנצע-רעגירונג צוגאנג צו ענדיגן גאן געוואלטאטן, און איך בין שטאלץ צו האבן געפירט די באמיהונגען צו אויפשטעלן OGFP צוזאמען מיט אסעמבלימעמבער Monique Chandler-Waterman (מאניק טשענדלער וואטערמאן) און אדוואקאטן וועלכע שלאגן זיך פאר פובליק זיכערהייט."

**סטעיט סענאטאר Nathalia Fernandez (נאטאלי פערנאנדעז) האט געזאגט,** "גאן געוואלדטאטן האט געשניטן קורץ צופיל לעבנס - און די יעצטיגע אדמיניסטראציע האט איוסגעדרייט זייער רוקן אויף אונז דורך צומאכן די ווייסע הויז אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג. דורך ארייננשרייבן אין געזעץ די אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג אין ניו יארק, אונז זאכן אז אונזער רעכטן צו זיכערהייט, געמיינדע און לעבן אליין איז ווערד צו באשיצן. איך דאנק גאווערנער Hochul (האקול) פארן נישט נאר פארן ענטפערן צו גאן געוואלדטאטן, נאר אויך אינוועסטירן אין די אינפראסטרוקטור עס צו פארמיידן."

**אסעמבלימעמבער Monique Chandler-Waterman (מאניק טשענדלער-וואטערמען) האט געזאגט,** "אונז זענען ביי א שיידפונקט מאמענט אין צייט מיט די וויכטיגע אינוועסטירונגען פון פארזיכערן אין סטעיט שטאטוטן די ניו יארק סטעיט אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג. די אפיס וועט זיין באגרינדעט אין דאטא זאמלונג, פובליק עדוקאציע, ארום-נעמענדע סערוויסעס, געמיינדע צאמארבעט, צושטעלן פאנדס צו לאקאלע אנטי-געוואלדטאטן גרופעס און עפעקטיווע קאארדינאציע צווישען אגענטורן און סטעיקהאלדערס. אונז נעמען א בראווע טריט פאראויס צו ענדיגן גאן געוואלדטאטן און אדרעסירן די

טראומא וועלכע טוט ווייטער צוגרינד לייגן אונזער געמיינדעס. ווען איך לייגן אין געזעץ א נייע טערמין גערופן מאסן גאן גוואלדטאטן וועלכע וועט אקטיוויזירן די אפיס צו קאָרדינירן רעסאָרסן צו באטראפענע געמיינדעס. א דאנק פאר די גאווערנער פארן פריאריטיזירן אונזער איבערלעבער, געמיינדע מיטגלידער און אנטי-גוואלדטאטן געמיינדע באזירטע ארגענעזאציעס אויף די ערד וועלכע טוהן די וויכטיגע ארבעט. אלץ די קא-פארזיצער פון די ניו יארק סטעיט אנטי-גאן גוואלדטאטן סובקאמיטע פון די ניו יארק סטעיט שווארץ, פוערטא ריקאן היפסאניש און אזיאן לעגיסלאטיווע קאוקאס איך בין שטאלץ פון די באוועגונג אונז האבן געמאכט דא אין ניו יארק וועלכע וועט דינען אלץ א מאדעל פאר סטעיטס איבער די לאנד - ספּיציעל אין א צייט ווען פעדעראלע פינאנצירונג פאר גרונטליכע, פארמיידענדע צוגאנגען צו גאן גוואלדטאטן ווערט צושניטן. פארטיפטע פינאנצילע אינוועסטירונג וועט פארזיכערן לאנג-טערמיניגע שטיצע צו אדרעסירן די פובליק געזונטהייט קריזיס און אן עכטע און נאכהאלטיגע וועג. דעס איז א טריט אין די ריכטיגע ריכטונג און איך וועל ווייטער אדוואקטירן פאר מער אינוועסטירונגען ביז די טאג אונז קענען זאגן נישט נאך א באליבטע איז ערמארדעט געווארן צוליב גאן גוואלדטאטן."

**סטעיט סענאטאר Jamaal T. Bailey (דשאמאל ט. ביילי) האט געזאגט,** "שרייבן אין געזעץ די סטעיט אפיס פון גאן גוואלדטאטן פארמיידונג איז איבער בויען א נאכהאלטיגע פארפליכטונג צו ראטעווען לעבענס. ווען אונז זעהן א פארמינערונג אין שיסערייען, אונז קענען נישט ווערן גלייכגילטיג. יעצט איז די צייט זיך צו פארלייגן, צו אוועקשטעלן די פארשריט שוין עמאכט געווארן און פארזיכערן אונזער סטראטעגיעס זענען פערמענאנט, פראאקטיוו און באגרינדעט אין געמיינדע. די אפיס וועט דינען אלץ א צענטראליזירטע האב פאר פארמיידונג, קאארדינירונג און אינאוואציע צו האלטן די שטימעס פון די מערסט באטראפענע אין די צענטער פון די שמועס. א דאנק סענאטאר Myrie (מיירי) און אסעמבלימעמבער Monique Chandler-Waterman (מאניק טשענדלער-וואטערמען) פארן ספאנסערן די ביל. איך דאנק גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול), מאיאריטעט פירערין Andrea Stewart-Cousins (ענדריא סטאווארט קאזינס), און אסעמבלי ספיקער Carl Heastie (קארל היעסטי) פאר זייער אנגייענדע פירערשאפט און זייער צוזאמארבעט אין מאכן פובליק זיכערהייט א פריאריטעט פאר יעדער געמיינדע איבער די סטעיט פון ניו יארק."

**סטעיט סענאטאר Kristen Gonzalez (קריסטען גאנזאלעס) האט געזאגט,** "ווען די Trump (טראמפ) אדמיניסטראציע און קאנגרעסיאנאלע ריפאבליקאנער שניידן פינאנצירונג פאר גוואלדטאטן פארמיידונג און צונעמען אפיסעס צו אדרעסירן די קריזיס, אונזער סטעיט ווייזט פירערשאפט. עס קומט זיך פאר יעדער ניו יארקער אריינגערעכנט מיינע קאנסטיטועטנטס צו זיין זיכער. די שרייבן אין געזעץ פון א סטעיט אפיס פון גאן גוואלדטאטן פארמיידונג וועט פארזיכערן די וויכטיגע איניציאטיוו קען ווייטער גיין אין קומעדיגע אדמיניסטראציעס און אז אונז קענען מער באוויסטזיניג נאך גיין און אדרעסירן די פובליק געזונטהייט עמערדשענסי. איך בין דאנקבאר צו מיינע קאלעגעס וועלכע האבן געארבעט אויף די לעגיסלאציע און די פראבלעם און די גאווערנער פארן עס אריינרעכענען אין אונזער סטעיט בודשעט."

**סטעיט סענאטאר Leroy Comrie (לעראוי קאמרי) האט געזאגט,** "גאן גוואלדטאטן איז א פובליק געזונטהייט קריזיס וועלכע פארלאנגט א פאראייניגטע, דאטא געטריבענע אנטווארט. איך קאמענדיר גאווערנער Hochul (האקול) פאר שרייבן אין געזעץ די אפיס פון גאן גוואלדטאטן פארמיידונג און קוק ארויס צו פארערטע אינוועסטירונגען אין די קריזיס פארוואלטונג סערוויסעס פראוויידער וועלכע טוהן די ארבעטן יעדן טאג פון דרום מזרח קווינס ביז מזרח באפעלא. מיט CMS ארגענעזאציעס פארבינדען ביי יעדער שטאפל, די אפיס וועט העלפן פארזיכערן אז אונז טוהן נישט נאר אדרעסירן גוואלדטאטן ווען עס געשעהט, נאר ארבעטן עס צו אינגאנצען פארמיידן."

**אסעמבלימעמבער Michaelle Solages (מישעל סאלאדשעס) האט געזאגט,** "ווען וואשינגטאן דרייט אויס איר רוקן, ניו יארק שטעלט זיך ארויף. גאווערנער Hochul (האקול), אונזער סטעיט לעגיסלאטור און לאקאלע אדוואקאטן ווייזן אויף וואס עכטע שריט קוקט אויס ווי. דורך מאכן די אפיס פון

גאן געוואלדטאטן פארמיידונג פערמענאנט, אונז ראטעווען לעבענס און שטיצן געמיינדעס וועלכע זענען געווארן באזייטיגט פאר צו לאנג. די פאל אין שיסערייען ווייזט אז די צוגאנג ארבעט און אונז וועלן ווייטער גיין ביז יעדער ניו יארקער שפירט זיך פארזיכערט."

**אסעמבלימעמבער Jeffrey Dinowitz (דשעפערי דינאוויץ) האט געזאגט,** "נאכפאלגענדיג אלאמירענדע אויפשטייגן פון גאן געוואלטאטן דורכאויס די COVID-19 פאנאדעמיע, ניו יארק סטעיט האט געזעהן א סאלידע פארמינערונג אין גאן געוואלדטאטן דורכאויס די לעצטע פאר יאר. פולע פון די אינוועסטירונגען אונז מאכן, אריינגערעכנט צושטעלן פינאנצירונג פאר די אויפשטעלונג פון די אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג און פארברייטערן די פליכטן פון די דיוויזיע פון קרימינאלע גערעכטיגקייט סערוויסעס צו אריינרעכענען גאן געוואלדטאטן אינטערמינונג און פארמיידונג סטראטעגיעס, וועלן צוגעבן צו אונזער אנגייענדע סוקסעס אין אדרעסירן גאן געוואלדטאטן. לעגיסלאציע האט אויך געווען א שליסל פאקטאר צוגעבענדיג צו די פארמינערונג פון גאן געוואלדטאטן, אריינגערעכנט מיין געזעץ פארלאנגענדיג א מענטש וועלכע זוכט צו באקומען א קאן לייסענס אדער קויפן א שיסער צו ווערן געמאכט באקאנט איבער די דראאנג פון גאן אייגענטומערשאפט אריינגערעכנט די פאמערטע ריזיקע פון זעלבסטמארד, טויט דורכאויס דאמעסטישע געפעכטן און אומבאוויסטזיניגער טויט פון אנדערע און זיי מאכן באקאנט איבער די נאציאנאלע זעלבסטמארד פארמיידונג לעבענליניע. איך קוק ארויס צו ווייטער גיין מיט די ארבעט מיט מיינע מיטארבעטער אין רעגירונג אין דערגרייכן אונזער ענדגילטיגע ציל פון אויסמעקן די פלאג פון גאן געוואלדטאטן אין אונזער סטעיט."

**אסעמבלימעמבער Nikki Lucas (ניקי לוקאס) האט געזאגט,** "איך בין אין שטיצע פון די אויפשטעלונג פון אן אפיס פון גאן געוואלדטאטן. מיטגלידער פון מיין דיסטריקט ווי ניו יארקער איבערן סטעיט, האלטן פאראנטווארטליך רעגירונג צו צושטעלן פובליק זיכערהייט סערוויסעס פאר אלע. די אפיס פון גאן געוואלדטאטן איז נאך א קריטישע טריט וועלכע באשיצט אלע ניו יארקער אריינגערעכנט פאמיליעס, דאמעסטישע געוואלדטאטן איבערלעבער, פאליצי אפיצירן, ארעסטאנטען צוזאמען מיט צושטעלן קריטישע פסיכאלאגישע פארבערן פאר קאנדידאטן אין נויט. איך בין פריילעך צו שטיין מיט גאווערנער Hochul (האקול) צוזאמען מיט מיינע קאלעגעס אין רעגירונג וועלכע האבן געארבעט דעס צו אמכן א ריאליטעט."

**אסעמבלימעמבער Brian Cunningham (ברייען קאנינגהעם) האט געזאגט,** "אונז האבן געזעהן גאן געוואלדטאטן אראפגיין אין מיין דיסטריקט ווייל פארמיידונג ארבעט. די אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג, יעצט פארמאל אוועקגעשטעלט אין די סטעיט בודשעט, וועט פארברייטערן די ווירקונג, שטיצענדיג לאקאלע גרופעס און פארבעסערן פאראנטווארטליכקייט. עס קומט זיך פאר געמיינדעס מערסט באטראפן פון גאן געוואלדטאטן סטראטעגישע, באווייז באזירטע לעזונגען, און די גאווערנער'ס ארבעט דא שטעלט אויס ניו יארק זיי צו צושטעלן."

**אסעמבלימעמבער Landon Dais (לענדאן דעוויס) האט געזאגט,** "דא אין די בראנקס, אונז האבן ליידער געזעהן גאן געוואלדטאטן צוגרינד לייגן צופיל פאמיליעס פאר פול צו לאנג. די פארמאלע אוועקשטעלוגנ פון ניו יארק' אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג איז א קריטישע שריט אין מאכן זיכער אונזער געמיינדעס באקומען די רעסארסן, קאארדינאציע און שטיצע עס קומט זיך זיי. אלץ א טאטע פון צווי יונגע יונגעלעך וועלכע וואקסן אויף אין די בראנקס, איך האב אנערקענט די געברויך פאר א האליסטישע צוגאנג צו ענדיגן גאן געוואלדטאטן. איינס וועלכע טוט נישט נאר קרימינאליזירן נאר טרעפט אונזער יוגענט עפעס צו טוהן און פארמיידט זיי פון אויפהייבן גאנס בכלל. איך קאמענדיר גאווערנער Hohcul (האקול) פאר איר פארליכטונג צו עכטע, נאכהאלטיגע לעזונגען ווייל יעדער ניו יארקער, פון דרום בראנקס ביז אפסטעיט, קומט זיך צו שפירן פארזיכערט וואו זיי וואוינען, ארבעטן און האדעווען זייער פאמיליעס."

**אסעמבלימעמבער George Alvarez (דשארדש אללוארעז) האט געזאגט,** "איך אפלאודיר גאווערנער Hochul (האקול) אויף איר סוקסעספולע באמיהונגען צו סיגניפיש פארמינערן גאן געוואלדטאטן איבער די פארגאנגענע יאר. עס איז מיר געווען אן עהרע צו ארבעטן צוזאמען מיט די גאווערנער און מיינע קאלעגעס אין די סטעיט לעגיסלאטור צו מאכן אונזער געמיינדעס מער פארזיכערט. אין די פנים פון פארמינערטע שטיצע פאר גאן זיכערהייט ביי די פעדעראלע שטאפן, איך קאנגראטוליר די גאווערנער אויף מאכן פארמענענט די אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג (OGVP). די צייט איז יעצט פאר ניו יארק צו נעמען אזלעכע מאסנאמען צו באשיצן אונזער איינוואוינער אקעגן די חרבנות פון גאנס אויף אונזערע גאסן."

**אסעמבלימעמבער John Zaccaro, Jr. (דשאן זאקארא דשוניאר) האט געזאגט,** "איך בין געווען שטאלץ צו שטיצן לעגיסלאציע אין די היי יעריגע בודשעט וועלכע וועט שרייבן אין געזעץ די אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג און אפלאודיר די גאווערנער'ס דעדיקאציע און פירערשאפט באקעמפענדיג גאן געוואלדטאטן אין אונזער שטעט. ניו יארק טוט ווייטער שטעלן די ציל פאר סוקסעס אין די קאמף צו אדרעסירן די גאן עפידעמיע און די נאמבערס זאגן נישט קיין ליגנט. שיסעריי'ען אין ניו יארק סיטי אראפ 21% און שיסעריי פארבינדענע מארדן זענען די נידריגסטע אויפן רעקארדש. ווען אונז גיין פאראויס,, ניו יארק וועט ווייטער פארזעצן צו פירן, מיט א געוויכט אויף האלטן אונזער געמיינדעס פארזיכערט.

**אסעמבלימעמבער Chantel Jackson (טשענטעל דשעקסאן) האט געזאגט,** "אלץ איינער וועלכע האט געזעהן ערשטהאנטיג די פיין גאן געוואלדטאטן ברענגט אויף אונזער געמיינדעס, איך קאמענדיר גאווערנער Hochul (פארן פארמאליזירן ניו יארק'ס אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג. דעס איז נישט נאר פאליסי, דעס איז איבער באשיצן לעבן, אויפהייבן געמיינדעס און פארזיכערן פאמיליעס קענען שפירן זיכער אין זייער אייגענע היימען. די דאטא רעדט פאר זיך אליין, אונז ווערן געוויזן אז ווען אונז אינוועסטירן אין פארמיידונג, שטיצן אונזער געמיינדעס און נעמען א גרונטליכע צוגאנג, אונז ראטעווען לעבנס. ניו יארק ווייזט די פאלק וואס עס מיינט צו פריאריטיזירן פובליק זיכערהייט, און איך בין שטאלץ צו שטיין צוזאמען מיט די באמיהונגען."

**קווינס בארא פרעזידענט Donovan Richards Jr (דאנאוואן ריטשארד דשוניאר) האט געזאגט,** "גאן געוואלדטאטן האט גענומען צו פול לעבבנס און צוריסן פול צו פול פאמיליעס איבער אונזער שטאט. אלץ איינער וועמענס קאריערער האט זיך אנגעהויבן דורך די פארלוסט פון א נאנטע פריינט צו גאן געוואלדטאטן, איך בין שטאלץ צו ארבעטן צוזאמען מיט גאווערנער Hochul (האקול) און אלע אונזער סיסט און געמיינדע מיטארבעטער אראפצוטרייט שיסעריין און ראטעווען לעבענס אין אונזער געגענטער. פון בויען א בייע 116טע פריסיקנט צו אדרעסירן די גרונט אורזאכן פון פאברעכן צו יעצט קרייבן אין געזעץ די סטעיט'ס אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג, אונז שטעלן צו אויף א דאטא-געטריבענע, געמיינדע-באזירטע צוגאנג צו גאן געוואלדטאטן וועלכע האלטן ניו יארק געגענטער און פאמיליעס זיכער. די ארבעט איז קיינמאל גענדיגט, און די איבערמידליכע באמיהונגען וועלן פארזעצן אומגעשטערט."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מעמבער Keith Powers (קעיט פאווערס) האט געזאגט,** "גאן געוואלדטאטן איז א הארצרייסענדע פובליק געזונטהייט קריזיס. איך בין שטאלץ אז ניו יארק האט איינע פון די לאנד'ס שטערקסטע גאן זיכערהייט געזעצן וועלכע זענען קריטיש צו האלטן אונזער געמיינדעס פארזיכערט. די סטעיט'ס אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג פירט די וועג אויף צו פארזיכערן גאנס קומען נישט אן אין די הענט פון די וועלכע קענען שעדיגען, און איך בין דאנקבאר אז עס איז יעצט א געשריבענע טייל פון אונזער סטעיט'ס באמיהונגען צו שניידן געוואלדטאטן פון שיסער."

**ניו יארק סיטי קאונסילמעמבער Kevin C. Riley (קעווין סי. ריילי) האט געזאגט,** "אלץ א קאוניסל מעמבער וועלכע רעפריזענטירט געמיינדעס שטארק געטראפן פון גאן געוואלדטאטן, איך קאמענדיר גאווערנער Hochul (האקול) פארן מאכן די אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג פערמאנענט אין ניו

יארק סטעיט געזעץ. די אפיס פארשטערקערט אונזער מעגליכקייט צו אינוועסטירן אין לעבענס-רעטענדע, געמיינדע-באזירטע לעזונגען וועלכע אדרעסירן די גרונד אורזאכן פון געוואלדטאטן. אונז ווייסן אז פובליק זיכערהייט איז מער ווי פאליצי; עס איז איבער פארמיידן, היילונג און גלעגענהייט. איך קוק ארויס צו ווייטער גיין מיט די קריטישע ארבעט צוזאמען מיט אונזער סטיעט מיטארבעטער צו באשיצן אונזער געמיינדעס און אויפהייבן אונזער יוגענט."

**ניו יארק סיטי קאונסילמעמבער Carlina Rivera (קארלינא ריווערא) האט געזאגט,** "ניו יארק און אונזער פאלק טוהן ווייטער אויסשטיין די פובליק געזונטהייט קריזיס פון גאן געוואלדטאטן. צו פול איינוואוינער לעבן נאך אלץ אין פארכט, און אונז מוזן זיך פארלייגן אויף גרונטיליכע פאליסיס, אינוועסטירונגען און געמיינדע מיטארבעט צו אפשטעלן די געוואלדטאטן. איך קאמענדיר גאווערנער Hochul (האקול) פארן שרייוב אין געזעץ ניו יארק'ס אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג, א וויכטיגע טריט וועלכע וועט פארשטערקערן קאארדינאציע און פארברייטערן אויפגעוויזענע פארמיידונג סטראטעגיעס."

**ניו יארק סיטי קאונסיל מעמבער Rita Joseph (ריטא דשאסעף) האט געזאגט,** "אלס אן מאמע און א שטאלצע מארשטייער פון א געמיינדע וועלכע האט געפילט די דעוואסטירענדע ווירקונג פון גאן געוואלדטאטן, שטיץ איך מיטן גאנצן הארץ גאווארנער Hochul'ס (האקול'ס) מעלדונג צו פארמאליזירן די אפיסס ון גאן געוואלדדטאטן פארמיידונג. דעס איז די סארט בראווע, דערבעארומדיגער פירערשאפט אונז דארפן - איינס וועלכע אנערקענט אז פובליק זיכערהייט מיינט אינוועסטירן אין פארמיידונג, היילונג און געמיינדע. איך קוק ארויס צו ארבעטען צוזאמען מיט די סטעיט צו פארזיכערן אז אונזער יונגע מענטשן קענען אויפוואקסן אין געמיינדעס פריי פון די דראאנג פון גאן געוואלדטאטן."

**דיסטריקט אטערניס פארבאנד פון די סטעיט פון ניו יארק פרעזידענט און רענעסלאערר (Rensselaer ) קאונטי דיסטריקט אטערני Mary Pat Donnelly (מערי פעט דאנעלי) האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט'ס פראקואר זענען דאנקבאר צו גאווערנער Hochul'ס (האקול'ס) פארפליכטונג צו פארמינערן גאן געוואלדטאטן אין אונזער סטעיט. מיין אייגענע קאונטי, רענעסלאער, איז איינס פון די 21 'אונטיס וועלכע זענען א טייל פון די גאן פארבינדענע געוואלדטאטן עלימענירונג (GIVE) איניציאטיוו וועלכע פאקוסירט אויף די פארמינערונג פון שיסער-פארבינדענע מארדן און שיסעריין אין געמיינדעס אינדערויסן פון ניו יארק סיטי. די שטיצע פון די פראגראם און אנדערע אנגעפירט דורך די דיוויזע פון קרימינאלע יוסטיץ סערוויסעס איז געווען ערפארלגרייך אין פארמינערן גאן געוואלדטאטן און אין פארבעסערן גאן-פארבינדענע פארברעכן פארמינערונג סטראטעגיעס. צוזאמען מיט מיינע קאלעגע דיסטריקט אטערניס און אונזער גרעסערע געזעץ ענפארסירונג עמיינדע, איך קוק ארויס צו אנגייענדע מיטארבעט מיט אונזער סטעיט פארבינדען צו באקעמפן גאן פאברעכן און שטיצן קרבנות פון די פאברעכן."

**מאנהעטען דיסטריקט אטערני Alvin Bragg, Jr (אלווין ברעג דשוניאר) האט געזאגט,** "ווען שיסערייען זענען אראפ 69 פראצענט אין מענהעטען אין צוגלייך צו די צייט אין 2021, אונז וועלן נישט אראפ נעמען אונזער אויג פון די באל. פערמענאנט אריינשרייבן אין געזעץ די אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג איז א וויכטיגע מאסנאם צו פארזיכערן א קאארדינירטע אנטווארט אלע ווינקלן פון די סטעיט, און די פערפעקטע וועג צו פארמאכן גאן געוואלדטאטן באקאנטקייט מאנאט. איך דאנק גאווערנאר Hochul (האקול) פאר איר פעסטע פארפליכטונג צו באקעמפן גאן געוואלדטאטן."

**ברוקלין דיסטריקט אטערני Eric Gonzalez (עריק גאנזאלעס) האט געזאגט,** "גאן געוואלדטאטן האט דערגרייכט א רעקארד נידריגקייט אין ברוקלין פאריאר, אבער אונז קענען נישט נעמען די פארשריט לייכט. א דעדיקירטע אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג וועט געבן ניו יארק די געצייג צו בעסער קאארדינירן אנטווארט, שטיצן געמיינדעס און אנטוויקלן א דאטא-געטריסענע סטראטעגיע צו ראטעווען

לעבנס. איך קאמענדיר די לעגיסלאטור פארן דורכפיקרן די וויכטיגע און פראקטיווע פובליק זיכערהייט לעגיסלאציע, און איך אפלאדיר גאווערנער Hochul (האקול) פארן דאס אונטערשרייבן צום געזעץ."

**בראנקס דיסטריקט אטערני Darcel D. Clark (דארסעל ד. קלארק) האט געזאגט,** "איין שיסעריי קרבן איז צופיל דעריבער סיי וואס אונז קענען טוהן צו פארמיידן שיסעריי געוואלדטאטן דארף געטוהן ווערן. גאווערנער o'Hochul (האקול) סטראטעגיעס צו פארמינערן די שאדן און הארצוויי אין אונזער געמיינדעס זענען קאנקרעטע שריט. אבער באמיהונגען מוזן געמאכט ווערן צו פארבעסערן געלעגנהייטן פאר אונזער יוגענט און צו אפשטעלן די פלוס פון שיסערס אזוי אז זיי קומען נישט אן צו די הענט פון קינדער."

**ריטשמאנד קאונטי דיסטריקט אטערני Michael E. McMahon (מייקעל אי. מקמאהאן) האט געזאגט,** "טראץ דעם וואס רעקארדירטע שיסערייען זענען היסטאריש נידריג דערווייל די יאר אויף סטעטן איילענד - איין שיסעריי איז איין שיסעריי צו פול, און געזעץ ענפארסירונג דארף אלע הילף עס קען באקומען צו אויסמעקן די פלאג פון גאן געוואלדטאטן פון אונזער געמיינדעס. פון נעמען באלד 800 שיסערס אראפ פון אונזער גאסן סורך אונזער גאן צוריק קויף צוזאמארבעט מיט די NYPD צו איינפירן פונקטלוכע אנקאלגן אין די געריכט צימער, די מענער און פרויען פון מיין אפיס זענען פארפליכטעט צו אוועקנעמען אומלעגאלע שיסערס פון אונזער געמיינדעס און האלטן די וועלכע וואגן זיך צו נוצן די שעדליכע וואפן פאראנטווארטליך אינטערן געזעץ. אבער, מער דארף געטוהן ווערן צו פארמיידן אקטן פון גאן געוואלדטאטן און באשיצן ניו יארקער פון איר טויטליכע קאנסעקווענצן. איך קאמענדיר גאווערנער Hochul (האקול) פאר שרייבן אין געזעץ די ניו יארק סטעיט אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג און פאר איר אנגייענדע פארפליכטונג צו האלטן סטעטן איילענדער און אלע ניו יארקער זיכער פון די דראאנג פון גאן געוואלדטאטן."

[פריש ארויסגעבענע דאטא קומט פון די 28 פאליציי דיפארטמענטס](#) אינדרויסן ניו יארק סטעיט וועלכע נעמען אנטייל אין די סטעיט'ס גאן אריינעמנדע געוואלדטאטן עלימינירונג (GIVE) פראגראם. שטעט אריינגערעכנט אלבעני, באפעלא און ראטשעסטער האבן אלע באריכטעט דאבל דידשיט פארמינערונגען אין סיי שיסעריי אינצידענטן פארבינדען צו שעדיגונג און די צאל אינדיווידואלן געשאסן. אין מאי 2025, פיר אינדיווידואלן זענען געהארגעט געווארן דורך גאן געוואלדטאטן איבער די יוריסדיקציעס, אראפ פון 13 אין מאי 2024.

צו בויען אויף די פארשריט, OGVP וועט לאזן אין גאנג אן איבערן סטעיט זיכערע סטארעדש פובליק באקאנטשאפט קאמפיין און צאכן 5 מיליאן דאלאר פארהאנען פאר געמיינדע באזירטע ארגענעזאציעס צו צושטעלן זיכערע פלעצער פאר יוגענט מענטארשיפ, גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס און פארוויילונג פראגראמינונג אין די קומעדיגע מאנאטן. די באקאנטשאפט קאמפיין וועט פראמאטירן פאראנטווארטליכע גאן אייגענטומערשאפט און פארטייל אומזיסטע גאן שלעסער צו העלפן פארמיידן שיסער-פארבינדענע געשעדיגטע און טויט, ספּיציעל צווישען קינדער און יוגענטליכע.

**איבער די אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג**

די ניו יארק סטעיט אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג (OGVP), פלאצירט אינערהאלב די דיוויזיע פון קרימינאלע גערעכטיגקייט סערוויסעס (DCJS), פירט א קאארדינירטע איבערן סטעיט צוגאנג צו פארמיידן גאן געוואלדטאטן. איר מיסיע איז צו בויען א גרונטליכע, אייניגקייט-געטריבענע פובליק געזונטהייט מאדעל וועלכע אדרעסירט די גרונטליכע אורזאכן פון געוואלדטאטן דורך פארשטערקערן געמיינדעס און פובליק סיסטעמען. OGVP שפילט א צענטראלע ראלע אין ניו יארק'ס ברייטערע געוואלדטאטן פארמיידונג עקאו-סיסטעם, מיטארבעטענדיג מיט די דיפארטמענט פון געזונטהייט (Department of Health, DOH), די אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס (Office of Children and Family Services, OFCS), די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health,

OMH), די אפיס פון קרבן סערוויסעס (Office of Victime Services, OVS) און סטעיט און לאקאלע סטעיקהאלטער איבער ניו יארק, אריינגערעכנט די ניו יארק סיטי דיפארטמענט פון יוגענט און געמיינדע אנטוויקלונג (Department of Youth and Community Development, DYCD) און די פארטמענט פון געזונטהייט און גייסטישע הייגענע (Department of Health and Mental Hygiene, DOHMH). באזוכט די אפיס פון גאן געוואלדטאטן פארמיידונג וועבזייטל צו לערנען מער.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן